**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/18/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**אויב נאכנישט געזען: גאווערנער האוקול׳ס אָפּ-עד אין ״יו-עס-עי טודעי״: אטאקע אויף סאלמאן רושדי דערמאנט אונז אז דער פעדער איז מעכטיגער ווי דער מעסער**

היינט, האט ״יו-עס-עי טודעי״ געדרוקט אן אָפּ-עד ארטיקל דורך גאווערנער קעטי האוקול אויף די וויכטיגקייט פון רייד-פרייהייט און אויסדרוק-פרייהייט אויף די שפורן פון דער אטאקע אויף סאלמאן רושדי. טעקסט פון אָפּ-עד ארטיקל קען מען געפונען אונטן, און קען אויך געזען ווערן אָנליין [דא](https://).

*איך געדענק ווען, אלס יונג מיידל, האב איך באזוכט ביי דעם [טשאטאקווא אינסטיטוציע](https://), איין שעה וועג פון מיין היים ארט אין באפעלאו. מיין טאטע האט געארבעט ביי דעם שטאל פאבריק און קיין סאך געלט האבן מיר נישט געהאט — מיר האבן אייגנטליך נישט געקענט אפארדירן צו צאלן פאר איינטריט און אויף דורכצופארן די איינגאנג טויער פון דער אינסטיטוציע. מיר פלעגן זיך ארייננזעצן אין דעם סטעישען־וואגאן נאכ׳ן גיין אין קירכע זונטאג, און קומען קיין טשאטאקווא מיט די האפענונג אז איין טאג וועלן מיר קענען באזוכן דעם אויסערגעווענליכן פלאץ. ווייל פאר אונז אין מערב ניו יארק, איז דער טשאטאקווא אינסטיטוציע געשטאנען אויף אן איקאנישן ארט. געגרונדעט אויף פרינציפן פון בילדונג, פרייהייט פון אויסדרוק און ארייננעמיגקייט, האט עס פארטרעטן די ווירדן פון וועלכע מיר זענען מערסטנס שטאלץ אין ניו יארק. עס איז אן ארט וואו מענטשן גלייבן אין די גרונטליכע שטודיע פון אידעאלן און פילאזאפיעס און שטודירן רעליגיע און פאליטיק — אן ארט בארימט פאר איר ערהוילונג-כוח, איר שלווה, איר הארמאניע.*

*אבער דעם פארלאפענעם פרייטאג, איז די שלווה צעשמעטערט געווארן.* א יחיד געטריבן ווי דורך א שד אויף צו שטיל מאכן די הייליגע אידעאלן האט גרויזאם אטאקירט דעם פארפאסער [סאלמאן רושדי](https://), א מאן וואס האט געוואוינט צענדליגע יארן לאנג אונטער דראונג פאר׳ן ארויסרעדן אמת׳ע רייד קעגן די מאכט. *פאר א מענטש ווי מר. רושדי, וועלכער האט געלעבט מיט די קאנסעקווענצן פון דעם שטרענג באשטראפן רייד-פרייהייט און אויסדרוק-פרייהייט, איז דער פארגליווערנדע סימבאלישקייט פון א געוואלד-פארברעכערישע אטאקע ביי דעם ארט — אן ארט באקאנט פאר׳ן אויפנעמען גרויסע דענקער אויף אפן און פריי מיטצוטיילן געדאנקען — נישט מעגליך אפצולייקענען.*

*איך וויל שיקן א מעסעדזש הויך און קלאר פאר סיי וועלכע פארשוין אדער סיי וועלכע גרופע עס וועט זיך נאר דערוואַגן צו מחלל זיין די הייליגקייט פון אן ארט ווי טשאטאקווא: א מענטש מיט א מעסער קען נישט שטיל מאכן א מענטש מיט א פעדער.*

*ניו יארק סטעיט וועט זיך שטענדיג אויפשטעלן צו באשיצן פרייהייט פון אויסדרוק, פרייהייט פון רייד, און מיט פארדאמען דער פחדנישער אנפאל אויף סאלמאן רושדי. מיר פארדאמען סיי וועלכן יחיד צי גרופע וואס וואַגט זיך מחלל צו זיין די הייליגקייט פון אן ארט ווי טשאטאקווא אדער וואס זוכט צו באגיין אן אטענטאט קעגן א וועלטס מנהיג. דאס טאר נישט פארקומען אין ניו יארק. מיר שטעלן זיך אויף און מיר שטייען מיט קוראזש.*

ליידער, איז די אטאקע אויף מר. רושדי נישט דאס ערשטע מאל אין די לעצטע דריי מאנאטן וואס דער ספעציעלן בליק פון דעם וועלט איז פאקוסירט אויף מערב ניו יארק. אום מאי 14, איז א ווייסע סופּרעמאַסיסט וועלכער איז ראדיקאליזירט געווארן אויף סאָושעל מידיע געפארן דריי שעה דורכצופירן א מאסן שיסעריי ביי א סופערמארקעט וואס געפונט זיך בלויז 10 מינוט פון דער הויז וואו איך און מיין מאן וואוינען. און ווידעראמאל, איז דער אטאקירער׳ס אויסוואל געווען פארגליווערנד: דער יונגער מאן איז געגאנגען אויפ׳ן אינטערנעט און געפונען דעם נענטסטן ארט מיט די גרעסטע צאל שווארצע מענטשן וואס ער האט געקענט הרג׳ענען און שעדיגן אין א ראסיסטישע אטאקע.

אויף די באלדיגע שפורן פון יענעם פחדנישן געוואלד-פארברעכן האט ניו יארק געטאן אויף למעשה. מיר האבן דורכגעפירט די שטערקסטע גאָן זיכערהייט לעגיסלאציע אין דעם לאנד, פארבאטנדיג דאס איינקויפן סעמי-אויטאמאטישע ביקסן דורך סיי וועמען אונטער די עלטער פון 21, מאכנדיג דורכדעם אומגעזעצליך צו קויפן קערפער פאנצער פאר סיי ווער עס איז נישט באשעפטיגט אין א געזעץ איינפארסירונג פראפעסיע, און געפאדערט מייקראָסטעמפּינג פון קוילן אויף נאכצושפירן פארברעכערישע רעוואלווער באניץ.

מיר האבן געפארעמט א ספעציעליזירטע איינהייט אין אונזער סטעיט פאליציי אויף אין-לאנדישע טעראריזם. מיר האבן געשאפן דעם אינטערסטעיט טעסק-פאָרס אויף אומגעזעצליכע רעוואלווערס, און ערשט-אין-לאנד אונטערנעמונג געאייגנט אויף מיטצוטיילן בעסטע פירונגען און פארזיכערן אז אונזער געזעץ איינפארסירונג אויף יעדן שטאפל פון רעגירונג ארבעטן אלע אינאיינעם. מיר האבן געפאדערט פון סאָושעל מידיע פלאטפארמעס צו באריכטן העסליכע און דראענדע סאָושעל מידיע אינהאלט אָנליין, כדי אז מיר זאלן קענען זען וואס עס געשענט בעפאר דער קומענדער אנפאל קומט פאר. און מיר האבן פארמאכט די רעוואלווער לופּ-האָלס און שטערקער געמאכט אונזערע ׳רויטע פאן׳ געזעצן צו האלטן גאנס אוועק פון מסוכן׳דיגע, בייזוויליגע פארשוינען.

עס פאדערט זיך קוראזש זיך קעגנצושטעלן האסע, געוואלדפארברעכנס און אומטאלעראנץ. דערפאר איז פאסיג אז ״קוראזש״ איז געווען דער טעמע פון דער רעדע ביי דער טשאטאקווא אינסטיטוציע יענע וואך וואס מר. רושדי איז אטאקירט געווארן. ער האט אויסגעגעבן איבער א צענדליג-יאר פון זיין לעבן צו וואוינען אין באהעלטעניש, און ענדליך האט ער באשלאסן ארויסצוקומען פון די שאטנס. זיין קוראזש ביים אויסשטיין אזא געפאר דארף אינספּירירן יעדן ניו יארקער — און יעדן פרייהייט ליבהאבער איבער דער גארער וועלט. עס האט מיך אינספּירירט צו ניצן יעדן מיטל וואס איז אין מיינע הענט, ארייננגערעכנט מיין שטימע, ארויסצורופן די ראדיקאליזאציע וואס קומט פאר, צי זאל עס זיין עמיצער וואס איז בארימט, צי סתם א פערזאן אויף די גאסן פון אונזערע גרויסע שטעט און קלענערע שטעטלעך.

עס איז א אנגעשטרענגטע וועלט. פאר פילע יונגווארג זאג איך צומאל אז עס קיין ווארפן א פחד. אבער דא זענען מיר אין די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע, דאס איז דער סטעיט ניו יארק. מיר זענען א שטאלצע פאלק. מיר שטאלצירן זיך צו האבן אן אינסטיטוציע וואס הייבט אונטער אידעאלן און טיילט מיט די ידיעות. עס איז געמיינזאם צו אונזער די-ען-עי ארויסצורעדן, ארויסצורעדן הויך און קלאר און זאגן מיט איין שטימע כאיש אחד בלב אחד אז חכמה איז מעכטיגער ווי אומוויסנדקייט. טאלעראנץ איז מעכטיגער ווי האסע. קוראזש איז מעכטיגער ווי שרעק.

און דער פעדער וועט אלעמאל זיין מעכטיגער ווי דער מעסער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418